# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Yiddish Culture and Jewish Youth / Yidishe Kultur Un Yidishe Yugnt

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1ft603rh

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author
Zuckerman / Tsukerman, Ben / Ben

### Publication Date
1953

### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# יידישע קולטור און יידישע יוגנט

## פון בען צוקערמאַן



די פּעסימיסטן אויף דער יידישער גאַס מאַכן אַוועק
מיט דער האַנט אונדזער ארבעט אויף דעם קולטורעלן גע־
ביט וואָס אַ קליינע גרופּע איבערגעבענע טוער ארום דעם
ל. א. יידישן קולטור קלוב פירט אָן אַ גאַנץ יאָר.

פון דער אַנדערער זייט אָבער זענען די באַזוכן פון
אונדזערע שבתים און מאָנטיקס אַ דירעקטער באַווייז אַז
אונדזער ארבעט ווערט יאָ אָפּגעשעצט ווייל די אַרבעט
איז אַ קאָנסטרוקטיווע, אַ דאַנקבאַרע.

אָט פּאַסירט אַז אייניקע פון אונדז ווערן אָנגע־
שטעקט מיט פּעסימיזם און זיי טראַכטן: אָט־אָט ווערן
מיר פאַרפלייצט פון די אַסימילאַציע כוואַליעס, אָבער די באַהויפּטונג איז זיכער
אַ פאַלשע. ערשטנס ווייל די גויאישע וועלט וויל אונדז ניט, זאָגט זיך אָפּ פון
אונדז, און אויב אין מאַנכע פאַלן שלינגען זיי אונדז יאָ איין, קאָנען זיי אונדז ניט
פאַרדייען. שוין דעריבער וועלן מיר אַלעמאָל פאַרבלייבן אַן איינגעעקשנטע מינ־
דערהייט.

מען קאָן ניט לייקענען אַז אין אונדזערע רייען האָט זיך אַנטוויקלט אַ
היפּשער וואַקואום, אַ פּוסטקייט און אויסגעליידיקטקייט, אָבער עס נאָגט אונדז
און פאַרפאָלגט אונדז אַ בייַנקעניש נאָך אַ נייעם אינהאַלט.

אמת, עס איז נאָך ניט געקומען דער נייער נביא וואָס זאָל באַנוצן די
גרויסע מאָראַלישע קראַפט צו סטימולירן אונדזערע באַדערפענישן. דער אונ־
טערשייד צווישן אונדז און אונדזערע אַמעריקאַנער שכנים איז דער: ביי
די אַמעריקאַנער ווערט די קולטור זייערע אויסגעהאַלטן פון רעגירונגס אַפּאַ־
ראַט, ווערנד מיר יידן, מוזן אַליין זאָרגן און טראָגן דעם עול אויפצוהאַלטן
אונדזער קולטור.

פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט פאַרצווייפלען וועגן אונדזער יוגנט. כאַפּט
אַ שפּאַציר אין מאַנכע יידישע געגנטן אַ פרייטיק צונאַכטס, וועט איר געפינען
טויזנטער יוגנטלעכע אין די שולן און טעמפּלען פון אַלע ריכטונגען, אָרטאָ־
דאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע ווי רעפאָרמירטע.

דאָס באַווייזט אַז די מאָדערנע „ראַביים" ווירקן יאָ אויף אונדזער יוגנט,
די ראַביים פאַרשטייען זייער פּסיכאָלאָגיע בעסער ווי מיר, נאַציאָנאַל פּראָגרע־
סיווע יידן.

עס איז דעריבער אפשר אין פּלאַץ צו זען, אַז מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן
מכח ענדערן אונדזערע פּראָגראַמען. די אַמעריקאַנער ראַביים זוכן ניט צו
באַלאָדן אונדזער יוגנט, ניט צו באַשווערן זיי מיט תרי"ג מצוות, און איך
גלויב אַז אַלע מיטלען זיינען נוצלעך און באַרעכטיקט. אויך מיר וועלן זיך
מוזן פאַרטראַכטן און אפשר טאַקע דאַרפן אָנהייבן צושטעלן אַנדערע פּראָג־
ראַמען, איך מיין אַזעלכע פּראָגראַמען לויט דעם גייסט פון דער צייט, און לויט
דער אַמעריקאַנער סביבה ווי די יוגנט לעבט און וויל פאַרזעצן איר המשך.

איך גלויב באמונה שלימה, אַז אונדזער יוגנט וועט לעבן מיט אונדזער
גאָט און מיט אונדזער תורה.

אַן ענלעכע מעטאָדע מוזן מיר אָנהייבן צופּאַסן פאַר אונדזער יידישער יוגנט.

איך האַלט אַז עס איז דעריבער ראטזאם אז אנשטאט אָנגעשטעקט ווערן
מיט פּעסימיזם, אָפּלאָזן הענט און פיס, זאָלן מיר אָנהייבן זוכן מיטלען ווי
אַזוי די יוגנט אָנצוהאַלטן מיט אונדז, זיי באַקאַנען מיט אונדזערע טראַדיציעס,
…טיק, לאָיאַליטעט צו ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעאיש. איך האַלט אויך,
וואָס מען פאַרפלאַנצט, אָט דאָס שניידט מען.
מיר וועלן גייסטיק ניט שטאַרבן, ווייל נצח ישראל לא ישקר.